# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות......................5:14
מוצאי שב"ק.........................6:47

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............................משלי ז'-ח'
בבלי.................................נזיר כ"ו
ירושלמי.........................פאה כ"ט
תוספתא............בבא מציעא א'
רמב"ם.................סנהדרין י"ח

פרשת משפטים, שבת שקלים, מברכים חודש אדר, כ"ז שבט, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 21 (591)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, מִשְׁפָּטִים, ד"ה אִם חָבוֹל) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ אִיד וָואס הָאט גֶעשֶׁעדִיגְט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלַן וָואס דָאס שֶׁעדִיגְט דִי נְשָׁמָה, דַארְף עֶר זֶען עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג, אֵיידֶער עֶר גֵייט שְׁלָאפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ער"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן אוּן וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, נָאר אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער, אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶס גֶעטוּן יֶענֶעם טָאג, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם טָאג, אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעווּאוּסְט וִוי חָשׁוּב קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אִיז, וָואלְט מֶען מֶער נִזְהָר גֶעוֶוען אִין דֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אַזוֹי הַרְגְ'עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִין; זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה וֶועסְטוּ אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְט פוּן דִיר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע (אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִינֶעם נוּסַח הָאֲרִיזַ"ל) וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ דֶערְבֵּיי מִתְוַדֶּה– "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; דָאס גַאנְצֶע קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶען נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט. בִּרְכַּת הַמַּפִּיל זָאגְט מֶען גְלַייךְ פַאר מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ; גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט. עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי טְעָמִים פַארְוָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, אֵיין טַעַם וַוייל בְּשְׁעַת מֶען שְׁלָאפְט כַּאפְּט מֶען זִיךְ אָן וואו מֶען אִיז צוּגֶעדֶעקְט אוּן מֶען וֶוערְט טָמֵא (רא"ש בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, סִימָן כג), נָאךְ אַ טַעַם (תְּשׁוּבוֹת הָרַשְׁבָּ"א, חֵלֶק א', סִימָן קצא): וַוייל וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף וֶוערְט מֶען אַ בְּרִיָּה חֲדָשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר מִיר הֵייבְּן אָן צוּ טוּן אוּנְזֶער עֲבוֹדָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְפְן מִיר זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי דִי כֹּהֲנִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט וַואשְׁן דִי הֶענְט בַּיים כִּיּוֹר יֶעדְן צוּפְרִי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פַאר זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ מִנְהָג וְכוּ' דֶערְפַאר אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב, קפד:) אַז בְּשְׁעַת אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אוּן זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף קוּמְט אַ רוּחַ טוּמְאָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף קוּמְט זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק אוּן דֶעמָאלְט גֵייט אַוֶועק דִי רוּחַ טוּמְאָה פוּן אִים, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט אוֹיף זַיין הֶענְט אוּן טוּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נָאר דוּרְךְ נֶעגְל וַואסֶער.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, דָאס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע נַאכְט וֶוער אִיךְ אַזוֹי פוֹיל, אִיךְ דְרֵיי מִיר אַהֶער אוּן אַהִין, אִיךְ פַארְבְּרֶענְגְ דִי נַאכְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט אָן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן נֶעגְל וַואסֶער; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן: 'מָארְגְן'; 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע'; 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ טוּן וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט טוּן'; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס קֶען זַיין אַז הַיינְט אִיז מַיין לֶעצְטֶע טָאג בָּזֶה הָעוֹלָם, וֶועל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין".

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִשְׁפָּטִים תש"ע, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשע"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### הֶעכֶער פוּן אַ בְּהֵמָה

מִיט וָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ מַעְלָה הֶעכֶער וַוייל עֶר אִיז "מְדַבֵּר" - עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר, עֶר קֶען רֶעדְן. אַ מַתָּנָה מִיט וָואס אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן זֶענֶען נִישְׁט בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז) "וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה" טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגוּם "לְרוּחַ מְמַלְלָא", עֶס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס קֶען רֶעדְן.

אוֹיבּ אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טַאקֶע דָאס אַז עֶר קֶען רֶעדְן, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֶען צוּ נוּצְן דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן. צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ נוּצְן דִי מוֹיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, אוּן פַארְ'ן שִׁיקְן דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן דָאס אִינְסְטָאלִירְן; אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה, זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וִוי אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צב) אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן יג, דַּף כז:): "אִלְמָלֵא כַּנְפֵי רֵאָה דְּנָשְׁבִי עַל לִבָּא", וֶוען נִישְׁט דִי פִינְף פְלִיגְלֶען פוּנֶעם לוּנְג וָואס בְּלָאזְט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע פָּאר סֶעקוּנְדֶעס, "הֲוֵי לִבָּא אוֹקִיד כָּל גּוּפָא", וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּנֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן הָאֶרֶץ. זָאגְט דֶער רֶבִּי, דִי 'חֲמִשָּׁה כַּנְפֵי רֵאָה' - דָאס אִיז 'חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה' וָואס קִילְט אָפּ דֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן יֵצֶר הָרָע, אוּן וֶוען נִישְׁט דִי תּוֹרָה - וָואלְט מֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי הִיץ פוּן דִי תַּאֲווֹת הַיֵּצֶר הָרָע.

דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן - וְוייל אִיךְ דִיר צוּרִיק בַּאצָאלְן מִיט אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן; אִיךְ וֶועל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְעוֹד שְׁאַר סְפָרִים. עֶס הֶערְט זִיךְ אַסַאךְ, אָבֶּער מִיטְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, דוּרְךְ לֶערְנֶען בְּלִי הֲבָנָה, אָן פַארְשְׁטֵיין - קֶען מֶען בַּאוַוייזְן צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ג)



דער מולד וועט זיין: מאנטאג נאכמיטאג 40 מינוט און 11 חלקים נאך 12 | ראש חודש אדר יהיה ביום השלישי ולמחרתו ביום הרביעי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֲדָר א', כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן **לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מִיר הָאבְּן גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם שַׁבָּת - חוֹדֶשׁ אֲדָר, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כט.): "מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה"; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵייליךְ? ווִי אַזוֹי ווֶערְט מֶען פְרֵייליךְ? אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: 'אַדְּרַבָּה, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵייליךְ, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְרָאכְן פוּן ווָאס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער, פוּן ווָאס אִיךְ לַייד אַלְץ, אָפְּגֶערֶעדְט פוּן מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, מַיינֶע נְפִילוֹת וואוּ דֶער יֵצֶר הָרָע ווַארְפְט מִיר אַרָאפּ, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין פְרֵייליךְ?'

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב; חֵלֶק ב', סִימָן י): "זוּךְ אוֹיף אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת, זוּךְ גוּטְס אִין זִיךְ אַלֵיינְס; זַיי זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם ווָאס דוּ בִּיסְט אַ אִיד, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!"

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלּוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק, אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג). דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! ווֶען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעווֶען זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן בַּיי זִיךְ, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט ווָאס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּה' וּמְחַזֵּק זַיין, הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאב אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאב גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', מִיט דֶעם הָאב אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה' גֶעווֶען".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אוֹיבּ אַזַא הֵיילִיגֶע צַדִּיק, ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן "פְּאֵר הַדּוֹר" (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצו) - הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט ווָאס זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין, נָאר מִיטְ'ן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, ווָאס מִיר זֶענֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט - דַארְפְן מִיר זִיכֶער נֶעמֶען דֶעם "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דֶעם, טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ: 'בָּרוּךְ ה' אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי טָמֵא, אִיךְ בִּין אַ אִיד!'

אַז דוּ ווֶעסְט גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין זִיךְ ווֶעסְטוּ זֶען אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, דוּ בִּיסְט אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס; 'בָּרוּךְ ה' פֵּיאוֹת הָאב אִיךְ, אַ בָּארְד הָאב אִיךְ, אִיךְ לֵייג טַלִּית אוּן תְּפִילִין, אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית, אִיךְ עֶס כָּשֵׁר'ס, אִיךְ הָאב אַ מְזוּזָה' - דִי אַלֶע זַאכְן מַאכְן פְרֵייליךְ. ווֶער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, - דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ פַארְמֶעגְן! מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא - דָאס מַאכְט פְרֵייליךְ, "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב (תְּהִלִּים יט, ט)", מֶען ווֶערְט פְרֵייליךְ, מֶען ווֶערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין", ווֶער אִיז אוֹיסְגֶעלֵייזְט? "אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה", נָאר דֶער ווָאס לֶערְנְט תּוֹרָה.

שְׁטַארְקְט אַייךְ טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי"ן; דִי עֵצָה פוּן קוּקְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, פוּן זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן, פוּן זִיךְ מְחַיֶּה' זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע דְרֵיי עֶקִיגֶע דַאווֶענֶען. דֶער הֵיילִיגֶער תָּם פְלֶעגְט נֶעמֶען זַיין שִׁיךְ ווָאס הָאט גֶעהַאט אַ פָּנִים ווִי דְרֵיי עֶקְן, עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה' גֶעווֶען דֶערְמִיט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזִינְגֶען (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "מַיין טַייעֶרֶע שִׁיכֶעלֶע, מַיין לִיבֶּער שִׁיכֶעלֶע, מַיין ווָאוּילֶע הָאנִיגְדִיגֶע שִׁיכֶעלֶע", ווֶען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַז דֶער דַאווֶענֶען אִיז אַזוֹי ווִי דְרֵיי עֶקְן, פַארְשְׁטֵיי גוּט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אָפְּלֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אוּן זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה' זַיין אוּן זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן אוּן הָאבְּן אַ פְרֵייליכֶע לֶעבְּן, מֶער ווִי דֶער ווָאס פַאלְט אִין חָכְמוֹת".

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף ווֶעל אִיךְ קוּמֶען אִין אַפָּאר ווָאכְן אַרוּם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ ווֶעל בַּאזוּכְן בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל. אִיךְ בֶּענְק שׁוֹין זֵייעֶר, אִיךְ ווַארְט שׁוֹין זֵייעֶר אַייךְ צוּ טְרֶעפְן, צוּ הֶערְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם זַיינֶע סִיּוּמִים, צוּ הֶערְן יֶעדְנְ'ס מוֹפְתִים; דִי עֶכְטֶע מוֹפְתִים - ווָאס מֶען הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי"ן. ווָאס אִיז אַ מוֹפֵת? אַ מוֹפֵת אִיז, אַז מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען גֶעבְּט אַ טְרַאכְט: 'ווֶער בִּין אִיךְ גֶעווֶען? ווִי אַזוֹי הָאב אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען? אִיךְ ווֵייס דָאךְ יָא ווֶער אִיךְ בִּין, אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי"ן, דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן; אִיךְ הָאב שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אִיךְ הָאב שָׁלוֹם בַּיִת, שָׁלוֹם בַּיִת', אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת פוּן

המשך אויף עמוד ד >>>>>

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ נוּצְן דֶעם מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט ווָאסֶערֶע כּוֹחוֹת עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, דִי גֶעווַאלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן ווָאס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן דוּרְךְ זַיין רֶעדְן. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אַלֶעס בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מְנוֹרָה אוֹיף זַיין פָּנִים, יֶעדֶער הָאט זִיבְּן לִיכְט אוֹיף זִיךְ, דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל. אוּן דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ אָנְצִינְדֶען אוּן צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, אוּן דַאן ווֶעט זַיין מֹחַ אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶס ווֶעט נָאר בְּרֶענֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג.

מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף זַאכְן ווָאס מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן נָאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע זַאכְן, זִיךְ צוּצוּהֶערְן צוּ ווָאס דִי צַדִּיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן נִישְׁט צוּ הֶערְן זַאכְן ווָאס טוֹיגְן נִישְׁט, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער דַארְף מֶען הֵיילִיגְן דִי נָאז לֶעכֶער, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף סַבְלָנוּת, אַז מֶען זָאל הָאבְּן "אֲרִיכַת אַפַּיִם" אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן ווֶען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גֶעווָאלְט. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט דִי מוֹיל, צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאווֶענֶען, אוּן דִי מוֹיל אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס, מִיט דִי מוֹיל קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

ווַייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוּן זֶעט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז אוּן מוֹיל, קֶען עֶר ווֶערְן צוּפַאלְן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גוּטֶע אוּן ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אָבֶּער ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ?

ווֶען אַ אִיד ווֵייסְט אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ ווָאס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, ווֶעט עֶר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אִין נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט הֶעלְפְן אוּן מֶען ווֶעט צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס ווָאס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ח, ב) "אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת" - אַלֶע לִיכְט פוּן דִי מְנוֹרָה דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מִיטֶעלְסְטֶע. דַארְף מֶען לִכְאוֹרָה פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי מִיטֶעלְסְטֶע לִיכְט אִיז דָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן גְלַייךְ, אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶעקְס זֶענֶען גֶעווֶען גֶעבּוֹיגְן צוּ אִים, ווָאלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "יָאִירוּ שֵׁשֶׁת הַנֵּרוֹת", נָאר זֶעקְס זֶענֶען גֶעווֶען גֶעבּוֹיגְן?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דִי זִיבֶּעטֶע לִיכְט אִיז קֶעגְן דִי מוֹיל, אַלֶע זִיבְּן לִיכְט ווָאס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין קָאפּ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זֵיי צוּקוּמֶען צוּ דִי מוֹיל, פַאר דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיף דִי מוֹיל אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל עֶס נוּצְן נָאר צוּ גוּטְן, מֶען זָאל נוּצְן דִי מוֹיל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאווֶענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט חַ"ו פַארְקֶערְט צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן אוּן זַאכְן ווָאס מֶען טָאר נִישְׁט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווָאסֶערֶע גֶעווַאלְדִיגֶע כּוֹחוֹת עֶס לִיגְט אִין דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווָאס ווֶען מֶען נוּצְט דָאס אוֹיס ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען מֶען דוּרְךְ דֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז עֶס זֶענֶען דָא פִיר סָארְטְן ווֶערְטֶער ווָאס אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן,

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## קֶען מַיין מַאן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע, עֶר גֶעבְּט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה מִיט אִים, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט מַיין טַאטֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

זַייט אַזוֹי וִוי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) עֶר הָאט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם. רְאוּבֵן אִיז גֶעוֶוען צֶעקְרִיגְט מִיט שִׁמְעוֹן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רְאוּבֵן: "שִׁמְעוֹן וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן שָׁלוֹם, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נָאר פוּן דִיר, עֶר הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט שִׁמְעוֹן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "רְאוּבֵן וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן מִיט דִיר, אָבֶער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ"; בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן שָׁלוֹם גֶעמַאכְט.

זָאגְט אֵייעֶר מַאן וִוי שְׁטַארְק אֵייעֶר טַאטֶע הַאלְט פוּן אִים, אוּן פַאר אֵייעֶר טַאטֶע זָאלְט אִיר זָאגְן אַז אֵייעֶר מַאן רֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אִים, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט וֵויי גֶעטוּן דֶעם צְוֵוייטְן - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ זָאגְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, וִוי: "יֶענֶער הַאלְט פוּן דִיר, עֶר הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן - הָאט עֶר גֶעזָאגְט וְכוּ', אָבֶער עֶר מֵיינְט נִישְׁט".

דוּרְכְן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שָׁאדְן, עֶס קוּמְט אַרוֹיס נָאר גוּטְס, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא אַז יֶענֶער וֶועט זָאגְן עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַבִּיסְל שַׁארְפֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, זָאגְט מֶען יֶענֶעם: "מַיין מַאן אִיז זֵייעֶר הַייקְל, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי וֶועג פוּן רֶעדְן שְׁטַארְק", אָדֶער מֶען זָאגְט פַארְ'ן מַאן: "מַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר הַייקְל, עֶר נֶעמְט יֶעדֶע זַאךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ, זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן"; אַ פְרוֹי מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל - קֶען מַאכְן אִיר מַאן מִיט אִיר טַאטֶע זָאלְן זַיין זֵייעֶר נָאנְט.

וֶוען אִיר צִינְדְט לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אֵייעֶר מִשְׁפָּחָה, אוּן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; וַוייל וָואס תְּפִילָּה פּוֹעֶלְ'ט קֶען מֶען נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers



אוּן מִיט דֶעם אוֹיסְנוּצְן דִי מוֹיל דָאס בֶּעסְטֶע. דִי פִיר סָארְטְן זֶענֶען: "דִּיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה", "דִּיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת", "דִּיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת", אוּן "דִּיבּוּר שֶׁל צְדָקָה". לָאמִיר דוּרְכְגֵיין דִי פִיר סָארְטְן דִּיבּוּרִים אוּן זֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זֵיי נוּצְן.

דִּיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער פְרַיינְד. חַזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה לח, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אִים. וַוייל אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל, עֶר וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

דִּיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן פָּאזִיטִיוו, צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג. שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז אַלֶעס גֵייט אִים גוּט בָּרוּךְ ה', אוּן נִישְׁט זִיךְ זוּכְן אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס גֵייעֶן אִים נִישְׁט גוּט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ד') "אֵיזוֹהִי עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ" - אַן עוֹשֶׁר אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן אַז אַזוֹי הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין אוּן נָאר אַזוֹי אִיז גוּט פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט זוּכְן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן, נָאר וֶוען אֵיינֶער וֶועט אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר מַאכְט, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט". אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט אַז אַלֶעס אִיז אִים גוּט, דַאן וֶועט עֶס טַאקֶע וֶוערְן אַזוֹי אַז אַלֶעס וֶועט אִים זַיין גוּט.

דִּיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת - דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד דַארְף זָאגְן יֶעדְן טָאג, עֶר דַארְף דַאוֶונֶען, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף זָאגְן מִיט דִי מוֹיל. וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר גֶעוואוֹינְט צוּ זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוערְט זַיין מוֹיל אַזוֹי גֶעהֵיילִיגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט אִים נָאר רֶעדְן, וֶוערְט אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִּיבּוּר שֶׁל צְדָקָה - דִי מוֹיל דַארְף מֶען אוֹיךְ נוּצְן אוֹיף צוּ טוּן דֶערְמִיט צְדָקָה. צוּמָאל קֶען מֶען טוּן אַסַאךְ מֶער אוּן גְרֶעסֶערֶע צְדָקוֹת בְּלוֹיז מִיטְ'ן מוֹיל, אַסַאךְ מֶער פוּן וִויפִיל מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן מִיט גֶעלְט. וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ צְוֵוייטֶער אִיד אִיז צוּבְּרָאכְן, יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריִקַייטְן; קֶען מֶען אַמָאל מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען מַמָּשׁ יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן. מִיט גֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט אֵייבִּיג הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם דָאס גֶעלְט וָואס פֶעלְט אִים, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס זַיין אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם אִיז טַאקֶע יָא אַז עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט, הָאט מֶען דָאךְ אָבֶער נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן יֶעדְנְ'ס חוֹבוֹת. אָבֶער מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע וֶוערְטֶער מִיט וָואס מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צְוֵוייטְן, מֶען נֶעמְט יֶענֶעם אַרוֹיס פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט אוּן צוּקְלַאפְּטְקַייט, הָאט מֶען אִים פִיל מֶער גֶעהָאלְפְן וִוי מֶען וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס זַיין מוֹיל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט' עֶרֶךְ דִּיבּוּר)



גרויסער מפיץ מו"ה נתנאל לעוו הי"ו, וואס האט דערציילט ווי אידישע קינדער לעכצן צו די דיבורים פון הייליגן רבי'ן, און עס ליגט אויף אונז א חוב צו טון הפצה, צו פארשפרייטן די עצות פון הייליגן רבי'ן פאר אידישע קינדער, רעדן דיבורי אמונה אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער, און אזוי אויך מיט יעדן מענטש וואס מען טרעפט נאר.

נאך די סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה וואס ער האט אונז געגעבן, אז מוהרא"ש האט זיך מוסר נפש געווען אז מיר זאלן האבן א גוט לעבן מיט'ן אייבערשטן.

**צפת/טבריה** - פילע אנשי שלומינו פון איבער ארץ ישראל וואס זענען געפארן צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש, זענען זיך צום ערשט צוזאמגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש אין טבריה, אינאיינעם מיט די חבורות פון צפת און טבריה, און זיך מחזק געווען ממשיך צו זיין צו גיין אין די וועגן פון מוהרא"ש זי"ע אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז, מען האט געזינגען און זיך געשטארקט אינאיינעם, און דערנאך ארויפגעגאנגען אינאיינעם צום ציון הקדוש אין יבנאל, וואס געפונט זיך גאנץ נאנט צום בית המדרש היכל הקודש טבריה.

**בית שמש** - אנשי שלומינו פון בית שמש זענען ארויסגעפארן אום דינסטאג צום ציון הקדוש אין יבנאל, און אום מיטוואך אוונט איז מען זיך צוזאמגעקומען אין שטוב פון משפחת גאטליב צו א סעודת הילולא. מו"ה יואל גאלדענבערג הי"ו האט גערעדט שיינע דיבורים, די אמונה פשוטה וואס מוהרא"ש לייגט אריין אין אונז, און איבער'ן סדר דרך הלימוד וואס געבט א וועג פאר יעדן איד אין יעדן מצב צו לערנען די הייליגע תורה, מען האט זיך אויך געשטארקט אין הפצה און אזוי ווייטער אלעס וואס דער ראש ישיבה שליט"א געבט אונז איבער פון מוהרא"ש זי"ע.

**מודיעין עילית** - אין בראכפעלד איז מען זיך צוזאמגעקומען צו א סעודת הילולא אום מיטוואך, מען האט זיך מחזק געווען מיט שיחות חברים, יעדער האט דערציילט א מופת וואס ער האט געזען ביי מוהרא"ש זי"ע, די אמת'ע סארט מופתים, ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז גענומען פון וואו מיר זענען געווען, און אונז מקרב געווען צום אייבערשטן, אונז געגעבן א וועג אין לעבן ברוחניות ובגשמיות, וואס דאס איז די גרעסטע מופת, און מען האט זיך מחזק געווען ווייטער עוסק צו זיין אין הפצה, צו מזכה זיין נאך אידן מיט די גרינגע און געוואלדיגע עצות וואס קען אויפהויבן יעדן איד און אים ברענגען צו די בעסטע און שענסטע זאכן אין לעבן. נאך ברכת המזון האט מען אויפגעשפילט א שיעור פון ראש ישיבה שליט"א.

**זכותו יגן עלינו!**

<<<<<< א בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

רֶבִּי'ן; 'אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ שְׁלִינְג אַרָאפּ וֶוען זִי זָאגְט מִיר'; אוּי אִיז דָאס אַ מוֹפֵת, נָאר דֶער רֶבִּי קֶען בַּאוַוייזְן אַזֶעלְכֶע מוֹפְתִים, נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים מַאכְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן... 'אִיךְ וֵויס דָאךְ יָא וֶוער אִיךְ בִּין, אוּן קוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר'.

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן עֶנְקֶער חַבוּרָה הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וָואךְ אַזַא שֵׁיינֶע מוֹפֵת, אִיךְ מוּז אַייךְ שִׁיקְן אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל פוּן דִי בְּרִיוו:

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט מִיר אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז אַ בַּאלַאגַאן, נָאךְ פוּל מִיט מוּקְצֶה זַאכְן, דִי בֶּענְקְלֶעךְ זֶענֶען נָאךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ פוּן אוֹיפְוַואשְׁן דִי עֶרְד פְרִיעֶר, אוּן מַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ אַרְבֶּעט.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אִין אַזַא צַייט, וֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין מְקוּרָב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס וָואלְט אַרוֹיס אַ גֶעדִיכְטֶע רוֹיךְ פוּן הוֹיז. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת אֲפִילוּ דִי הוֹיז זֶעט אַזוֹי אוֹיס, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' מְסַדֵר גֶעוֶוען אוּן צוּגֶעגְרֵייט דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה.

דִי זֶעלְבֶּע הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ קוּם אָן אַהֵיים, אוּן אַלֶעס לִיגְט נָאךְ פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מְ'הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ דִי סְעוּדָה, וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען מִיד אוּן מְ'אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אָן אָפְּרוּימֶען דֶעם טִישׁ. יֶעצְט הַאלְט אִיךְ נָאךְ פַאר'ן קִידוּשׁ מַאכְן, מַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין קִידוּשׁ גֶעמַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע פוּלֶע וָואךְ מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען יֶעדֶע נַאכְט טֵיילְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אַיין, יֶעדֶע שָׁעָה וֵויינְט אַ צְוֵוייטֶער אוּן וֶועקְט אוּנְז אוֹיף, אוּן אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט, אוּן אִיךְ בֶּעט וִוידֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן בָּרוּךְ ה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט גֶעלֶעבְּט אָן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, אוּן מַיין וַוייבּ זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט כַאפְּן וִוי אַזוֹי דִי הוֹיז הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אוּן וִוי לַאנְג אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוֹיף אִיר מִיט סַבְלָנוּת אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל, אוּן זִי וֵויסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר דוּרְכְ'ן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ מוּז אַהֵיים לוֹיפְן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מסיבת הכרת הטוב "רענט קאמפיין" מוצש"ק תרומה הבעל"ט

די געטרייע עסקים פון די "רענט קאמפיין" זענען אין די טעג פארנומען מיט פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען צום יערליכן "מסיבת הכרת הטוב" פאר אלע נדיבים וואס באשטייערן זיך במשך די יאר מיט שיינע סכומים.

מיט עטליכע יאר צוריק האבן די געטרייע אינגעלייט מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו און מו"ה שבתי מארקוס הי"ו אראפגענומען דעם עול פונעם ראש ישיבה שליט"א פון דארפן צוזאם שטעלן די "רענט" פאר די בניני ישיבה, און מיט דעם האבן זיי באפרייט טייערע צייט און כח פונעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען זיך בעז"ה אפגעבן מיט די תלמידים מיט מער הרחבת הדעת, און ווייטער איבערגעבן פאר אונז די עצות און התחזקות וואס ער האט מקבל געווען פון הייליגן רבין דורך מוהרא"ש זי"ע, און זינט דאן האבן זיי ברוך השם מצליח געווען און מיט די הילף פון אנשי שלומינו וועלכע שטרענגען זיך אן יעדן חודש און באשטייערן שיינע סכומים פאר די רענט, האבן זיי ברוך ה' געצאלט אלע התחייבות'ן אין צייט

די רענט קאמפיין שפירט א געוואלדיגע הכרת הטוב צום ציבור וואס העלפט אזוי שיין ארויס מדי חודש בחדשו, און דעריבער ווילן זיי כאטש איינמאל א יאר זיך באדאנקען פאר די פילע נדבנים, דערפאר האבן זיי פאררופן א מסיבת הכרת הטוב אויפ'ן קומענדיגן מוצאי שבת קודש פרשת תרומה, אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג.

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, אנטשפרעכט אויך דער היי יאריגע מסיבה צו זיין גאר א געשמאקע אווענט מיט געשמאקע דרשות און פראגראם. מען וועט דארט בעז"ה טיילן מתנות פאר אלע נדבנים. אזוי אויך וועט דער ראש ישיבה וועט בעז"ה אויפטרעטן מיט א שיינע חיזוק שמועס, וואס וועט בעז"ה איבערלאזן א גאר א געשמאקע רושם פאר אלע באטייליגטע פאר לאנגע וואכן דערנאך.

**עזוב תעזוב עמו!**

***

# הילולת מוהרא"ש זי"ע אין ארץ ישראל

אנשי שלומינו זענען נאך אונטער'ן רושם פון דעם גרויסן הייליגן טאג י"ז שבט, די יארצייט פון אונזער גרויסער רבי, מוהרא"ש זי"ע, וואס איז אויסגענוצט געווארן זיך צו שטארקן מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

דער ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל איז באלאגערט געווארן במשך די טעג פון פילע טויזנטער אידן וואס זענען געקומען צו פארן זיך משטתח זיין ביומא דהילולא קדישא, פון איבער די גאנצע וועלט זענען אידן געקומען צו פארן, אבער ספעציעל פון ארץ ישראל איז מען געקומען פון איבער'ן גאנצן לאנד, זיך אויסצובעטן בדבר ישועה ורחמים.

אין אלע היכל הקודש צענטערן איבער ארץ ישראל זענען אויך פארגעקומען סעודת הילולא'ס, פאלגנד זענען באריכטן פון עטליכע בתי מדרשים היכל הקודש אין ארץ ישראל.

**ירושלים** - דינסטאג אווענט זענען זיך אנשי שלומינו צוזאמגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים עיה"ק, מען האט זיך אינאיינעם מחזק געווען צו גיין ווייטער אין די וועגן פון מוהרא"ש, מען האט געזינגען די שיינע גראמען וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געזינגען איבער די גרויסקייט פון מוהרא"ש, און נאך די סעודה האט זיך ארויסגעלאזט א שיירה אינאיינעם צום ציון הקדוש אין יבנאל.

די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש און די מיידלעך פון בית פיגא אין ירושלים, זענען געפארן מיטוואך אינדערפרי צום ציון הקדוש אין יבנאל, און זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס.

**בני ברק** - תלמידי היכל הקודש אין בני ברק זענען זיך צוזאמגעקומען צו א סעודת הילולא אין א זאל, מען האט געהערט ווארעמע ווערטער פונעם חשוב'ן גבאי מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו וואס האט פארגעלערנט א שטיקל פון די הייליגע צוואה פון מוהרא"ש, און האט ארויסגעברענגט ווי די עצות פון הייליגן רבי'ן קען מען נוצן אין יעדע צייט און אין יעדע מצב, אויסרעכנדיג עטליכע עצות פון הייליגן רבי'ן ווי אזוי עס קומט צונוץ פאר יעדן איד צו יעדע צייט.

א זעלטענע סיום האט מען מיטגעהאלטן פון א קליין אינגל וואס האט זוכה געווען מסיים צו זיין מסכת ברכות, און דערנאך א סיום ששה סדרי משנה צום זיבעטן מאל דורך מו"ה נחמן יצחק רעכניצער הי"ו. דערנאך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פונעם מנהל בית הדפוס, דער

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **יואל וועבערמאן** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון **הערשי** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## ערדציטערנישן

**פארוואס קומען ערדציטערנישן? וואס וויל דער אייבערשטער אונז ווייזן מיט די לעצטיגע שרעקליכע ערדציטערנישן אויף די וועלט?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 8, 18**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >